Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ה.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## ה.

איך בין דאַמאָלס אלט געווען אַ יאָר צען, דער קלענס-
טער צווישן ר׳ חנן-נתן׳ס תּלמידים. די „שכירות״ פון אונזער
שטאָט האט נישט גענוגט פאר איר רב, האט ער זיך דערי־בער
אויך פערנומען אַ ביסל מיט בכבודיקער, רבנישער מלמדות.
זיינע תּלמידים זענען געווען די קינדער פון די עשירים פונם
שטעטל, תּלמידים צוליב אָנזען און נישט צוליב לערנען, און
מער ווי זיי פלעגן זיין באַשעפטיקט מיטן סדר-נשים פון ר׳
חנן-נתן, פלעגן זיי זיך באַשעפטיקן מיט די דריי טעכטער
פון ר׳ צבי גלותזאָן, וועלכער האט געוואוינט אין „שכנות״
ביי אונזער רבין אין שטוב. ר׳ צבי גלותזאָן, וועלכער איז
געווען אַ שוואָגער פון משה שמערלס, איז געווען דער פעטער
פון יעקבן, אָט דעם משה׳ס זון, און דערדאָזיקער יעקב איז
אויך געווען צווישן דעם רבס תּלמידים. די דערמאנטע דריי
טעכטער האָבן געהאט מיידלעך־פריינדנס, און די צאָל פון די
העלדנס איז געווען נישט ווייניקער ווי די צאָל פון די
העלדן. אָט אַ דער „מגע־ומשא״ איז געווען פונם אָנגענומענעם
מין אין די פראָווינץ-שטעט: מען קומט זיך צונויף און מען
פאַרברענגט די צייט מיט הוליען, מיט רכילות און מיט
ראַנגלען זיך. און דידאָזיקע שפיל איז געווען נישט אָן ליבע-
קאָנפליקטן. יעקבס הארץ, למשל, האט געצויגן צו דער יינגס-
טער פון די דריי טעכטער, און אין הארץ ביי עובדיהן, דעם
רבס זון אַליין, איז געווען אַ „סימפּאַטיע״ — כ׳האָב שוין פאַר-

געסן צו וועמען... דאַכט מיר... ניין, אויך צו דער ייִנגסטער. דאָס איז געווען אַ באַליבט מיידל, מיט קאַרשן-ליפּן, אַ הויכע ברוסט און אַ מויל פול מיט קלינגענדיקן געלעכטער. אָבער דאָס האָט נישט צו דער זאַך. מיין הויפּט-כוונה איז געווען צו פאַרצייכענען, אַז איך, וואָס בין ווייט און דערווייטער זיך פון אַזעלכע סצענעס, האָב מיך געשעמט פאַר זיי ביז דער טיפעניש פון מיין נשמה. — בכלל, איז מיין באַציאונג צום אַנדערן געשלעכט תמיד געווען אַ נישט-פרייער און אַ שעמעוודיקע. פון מיין קינדהייט אָן איז דער אויסרוף: „מיט אַ מיידל!" געווען די גרעסטע חרפּה. אַז איך בין אויסגעוואַקסן זענען אויך געוואַקסן מיין דערווייטערונג און מיין שעמעוודיקייט פאַר פרויען, — אַ דערווייטערונג און אַ שעמעוודיקייט, וועלכע זענען געווען דער עקסטרעמסטער קעגנזאַץ צו קאַלטקייט און ריינקייט. מיין כאַראַקטער איז תמיד געווען אַ פלאַמיקער ביז גאָר, אָבער איך האָב גלייכצייטיק געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז מיין געשטאַלט, מיין קול און מיינע באַוועגונגען זענען שווער צום איבערטראָגן פאַר אַ חוהס טאָכטער: זי לאָזט באַלד אַראָפּ אירע ברעמען און ווערט שוויַיגעוודיק, כמעט טרויעריק. אַז איך פלעג אַמאָל דערהערן הינטער מיינע פּלייצעס דעם הילכיקן געלעכטער פון אונזער רבינס שכנס טעכטער, פלעג איך אים תמיד נעמען אויף מיין חשבון, און ספּלעגט אויך טרעפן, אַז מיין געקרענקטער אייגנליבע פלעגט זיך אויסדאַכטן און זי פלעגט אויפכאַפּן אַ געלעכטער פון דער לופט... די ליידן, וואָס איך האָב דערפון געליטן זענען געווען פאַרבאָרגענע, פאַרגראָבענע אין די טיפענישן פון מיין נשמה און זיי פלעגן באַשאַפן נישט-גוטע געפילן. איך האָב קיינמאָל נישט שלום-געמאַכט מיט זיי. ליידן צוליב „גלות השכינה", צוליב דעם, וואָס „ירושלים של מעלה איז אין געפענגעניש", צוליבן „שאור שבעסה" — דאָס איז נישט שלעכט, דאָס זענען יסורים של מצוה. אָבער ליידן צו ליבדעם, וואָס מיין „שמוציקער חומר־

איז נישט גלייך אין זיין אויסזען צום שיינעם אויסזען פו א פריציש זינדל, צוליבדעם, וואס „מיינע האר זענען נישט געקרייזלט, כדי דער בער זאל זיך אויף מיר אנרייצן"; ליידן צוליבדעם, וואס איך קען מיך נישט איינקוקן אינם קליינעם פינגערל פון א פרוי, כדי מיין לעבן זאל ווערן פארשניטן פון דער וועלט — אז אך און וויי צו מיר!.. וויאזוי וועל איך קענען מיין קאפ אויפהויבן פאר מיין באשאפער? צי פאסט דאס פאר אזא, וואס האלט מלחמה מיט דער קליפה? אדרבה, איך דארף מיך דאך פרייען, וואס איך פארמאג אן אפהאלט פאר מיין יצר-הרע און פאר מיינע תאוות. אמת, אוודאי וואלט בעסער געווען, ווען איך בין יא מסוגל צו זינדיקן און שטארק זיך און בין מנצח, נישט אזוי ווי איצט... אבער, נאכאמאל, אך און וויי צו מיר, רשע גמור! איך ווייס דאך יא, אז איך באזיץ נישט די מידה פון יענעם צדיק, וואס אין דער מעשה מיט דער „מטרוניתא"; איך האב דאך אפילו קיין כוח נישט צו האלטן דעם אפמאך, וואס איך האב וויפיל מאל מיט זיך אפגעמאכט איך זאל נישט קוקן אויף קיין מיידל; איך בין דאך אין דער בחינה פון איינעם, וואס טוט תשובה און זינדיקט באלד ווייטער, ווארום וויפל מאל האב איך געוויינט מיט ביטערע טרערן ביי „תפלה זכה" און האב אנגענומען א פעסטן באשלוס זיך צו דערווייטערן פון דער זינד — פון דער באוואוסטער זינד — און איך האב נישט אויסגעהאלטן דעם נסיון... איז אזא שווער-זינדיקער מענטש, ווי איך בין, קען נאך האבן טענות און תרעומות צו זיין באשעפער, אלעמאי ר'האט זיך אויף אים מרחם געווען און האט אים באשאפן א מיאוסן! און בכלל, ווי שעם איך מיך נישט זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע מינדערווערטיקע זאכן?.. אויף יענער וועלט וועט מען מיך פרעגן וועגן מיין תורה, וועגן מיינע מצוות און נישט וועגן אויסזען פון מיין נאז! — — —

איך ווייס עס אלץ -- און פארבארג פון מיר אליין מיין

ינד... איך ווייס עס אַלץ — און מײַנע אויגן פאַרגנבענען זיך,
קוקן זיך אײַן, בלאָנדזשען ארום... איך ווייס עס אַלץ — און
מײַן האַרץ צעגייט אין מיר, ווערט צעריסן, וויינט...

דערדאָזיקער קאַמף, וועמענס שילדערונג פאַרמאָגט שטריכן,
וועלכע פאַרוועבן זיך נישט אין ווערטער, און ברעקלעך פאַקטן,
וואָס לאָזן זיך נישט באַשרײַבן, גייט דורך ווי אַ רויטער
פאָדים אין מײַן גאַנץ לעבן. די יאָרן פון מײַן וואַלגערן זיך
אין די בתי-מדרשים, פון מײַן עסן „צדקה ברויט" בײַ
פרעמדע טישן האָבן נאָר געקענט נאָך פאַרשטאַרקן מײַן נישט-
פלינקייט, מײַן אומאַנגענעמלעכקייט, מײַן מיאוסקייט, שעמעוו-
דיקייט און אָפּגעזונדערטקייט. עס האָט זיך אויך גאָרנישט גע-
ענדערט, ווען איך בין אַרויס פון דאָרט „אין דער וועלט
אַרײַן", ס'הייסט זיך צו וואַלגערן אין טונקעלע וואָרינונגען אַלס
הונגערנדיקער העברעאישער לערער. סהאָט זיך בײַ מיר נישט
געענדערט דאָס נישט אַכטונג געבן אויף מײַן אויסערלעכקייט
און אויף מײַן קליידונג, אַ זאַך, וואָס די ישיבה האָט בײַ מיר
אַנטוויקלט ביזן עקסטרעם. סהאָט אפילו געדויערט אַ לאַנגע
צײַט און איך האָב מיך נישט אָפּגעזעגנט מיט מײַן לאַנגער
קאַפּאָטע. איך האָב, אמת, פאַרשטאַנען, אַז „אַן אייראָפּעאישער
מענטש דאַרף טראָגן אייראָפּעאישע קליידונג", אָבער מיר האָט
זיך אויסגעדאַכט, אַז איך וועל האָבן נאָך אַ קאָמישערן אויס-
זען, ווען איך וועל ענדערן מײַן קליידונג. עס האָט זיך אויך
נישט געענדערט מײַן געדאַנקענגאַנג וועגן שיינקייט, און ערשט
ווען בײדע צדדים אין מיר פלעגן זיך פריער באַנוצן מיט
פסוקים, מיט מאמרי חז"ל און מיט שטיקלעך פון ספרי-דרוש,
פון מוסר-און חקירה-ספרים, פלעגן זיך דערנאָך שטעלן איינער
קעגן אַנדערן: דער הערשנדיקער גייסט אין טורגעניעווס ראָ-
מאַנען און אין פושקינס און לערמאָנטאָווס לידער פון איין
זײַט, און די אַרטיקלען פון פּיסאַרעוו, שעלגונאָוו און זייצערס-
גלייכן, די אפילו-קענער פון דער עסטעטיק אין די זעכציקער

יאָרן, פון דער צווייטער זייט. איך פלעג האָבן אַ שטאַרק פאַרגעניגן לייענענדיק די זאַכן פון די לעצטע. זייערע געשרייען זענען געווען אַ באַלעבונג־טוי פאַר מיין צעבראָכן האַרץ. יאָ, די־אָזיקע זאַך טאָר נישט ווירקן אויף מיינע לעבנסבאַדינגונגען. איך בין אַ קלאָרער מוסטער פון דער אנשויאונג פונם יידנטום. דער עיקר איז די גערעכטיקייט און נישט די שיינקייט. עס האט נישט קיין שום ווערט די אויסערלעכע שיינקייט, די קערפערלעכע. איך דאַרף נישט בטל ווערן פאר דער גריכישער אַנשויאונג. איך דאַרף ביי מיר נישט שפירן קיין שום שולד אַלעמאַי איך פאַרשאַף נישט קיין פאַרגעניגן מיט מיין אויסזען יעדערן, ווער עס קוקט מיך אָן. איך וועל ביי מיר נישט אַראָפּפאַלן פאר נאַרישע שפּילעריַען. פּיסאַרעוו זאָגט... אים איז גרינג צו זאָגן: ער אַליין איז אַ שלאַנקער, אַ שיינער, אָבער איך... איך—וויאַזוי קען איך עפּעס דאָ באַשליסן? וויאַזוי קען איך דאָ אויסמיידן מיין פּערזענלעכע פּניה? ווען מיין פּנים וואָלט, לכל הפּחות, אויסגעדריקט חכמה, טיפקייט, גרויסקייט, וואָלט איך שוין מותּר געווען אויף געטאָקטע גלידער, אויף דער הויט־פאַרב... אבער איצט... — סאיז דאָך שרעקלעך! — נישט דאס און נישט דאס... אָבער וואס וויל איך? אַ וודאי איז שיינקייט א מעלה פאר אַ מענטש... פאַר מיר איז גענוג בלויז דער באַוואוסטזיין, אַז אויך אַ מיאוסער קען זיין אַ גוטער מענטש... ניין, נאָר אַ מיאוסער... דאס הייסט... — —

אין יענער צייט פלעגט די נאָענטקייט פון אַ פרוי, וועלכע סזאָל נישט זיין, מיך ברענגען צום אַראָפּלאָזן די אויגן, צו האַרצקלאַפּעניש און צעשטרייאונג. נאָך עפּעס: קיין פרוי, וועלכע סהאט זיך מיר געמאַכט צו באַגעגענען, האט נישט געהאט קיין אויגן געשטאַלט, נאר דאס גאַנצע געשלעכט איז געווען ווי איין גאַנצעס, פאַרדעקט מיט אַ ווייסן שירעם. פון דער אַנדער זייט האט אין אַ געוויסער מאָס מיין דאַמאָלס-

טיקע באַציאונג צום „שיינעם און שוואַכן געשלעכט" געהאַט
אין זיך עפּעס אַ מין סענטימענטאַליטעט. צוליב מיין נישט-קע-
נען די פרויען האָב איך געהאַלטן „אַ מיידל" פאַר אַן אַנ-
דערע, באַזונדערער וועלט, כ'פלעג זי אפילו אָפּט פאַרגעטערן,
כאָטש צוזאַמען דערמיט — די אייביקע סתירות און ווידער-
שפּרוכן ! — האט זיך נישט געענדערט מיין מיינונג איבערן
אמתן ווערט פון דער פרוי אלס אזעלכע, נישט אין באַצוג
צו מיר. פון מיין קינדהייט האב איך געוואוסט, אז סזענען
געוועזן די „אמהות" און אנדערע נשים צדקניות, אין וועמענס
זכות אונזערע עלטערן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון
מצרים ; אז סזענען געוועזן פרויען, וועלכע האָבן דערגרייכט
צו אזא מדרגה ווי, למשל, רבי'ס דינסט, וועלכע ווערט דער-
מאנט אין דער גמרא, ווי דעם בח"ס טאָכטער... און פונדעסט-
וועגן — „פונוואַנען נעמען מיר, אז די פרוי ווערט אָנגערופן
מענטש ?"... פרויען זענען לייכטזיניק, פרויען טאָרן נישט
שעכטן, פרויען זענען פטור פון מצוות, פרויען, קנעכט און
קליינוואַרג מיט איין קלאַפּ, און בכלל איז אַ מיידל נישט באַ-
שאפן געוואָרן אויף ארייננצוטראַכטן... א פרוי איז בלויז צוליב
שיינקייט... און די דיקע גמרא'ס מיט זייערע מפרשים און
מפרשי-מפרשים, און אלע פוסקים, און אלע פלפולים זענען
דאָך ביי מיר בלויז אויסגעטוישט געוואָרן אויף אנדערע
ספרים, ספרים, וועלכע זענען, אמת, פול געוועזן מיט פיינע
פאַרנויגונגען פאַר דער פרוי, אָבער די פאקטן, וועלכע זענען
דאָרט געבראַכט געוואָרן און די באַלייכטונג פון די פאקטן
האָבן געגוג באוויזן, אז די פרוי אין אלגעמיין איז אַ קליינ-
לעכע, אַ ליגנערן, אן אכזרטע, האט ליב בלויז איר גוף, איז
אן אויסגערעכנטע, אַ שרעקעוודיקע, אַ קאָנסערוואַטיווע, איז
ווייט פון קריטיק און פון דענקען... און דעריבער ווען עס
פלעגט מיר דאַמאָלס אויסקומען צו רעדן וועגן דער „פרויען-
עמאנציפּאַציע", פלעג איך, וואס אן אמת, צווישן די ווערטער

אַרויסזאָגן מיין תּוך־געדאַנק, אָבער כ'פלעג דערווייל מאַכן באַמערקונגען און באַמערקונגען צו די באַמערקונגען, ביז סוף־כל־סוף פלאָגט מיין אויספיר ווערן גאָר אַן אַנדערער... אַ זאַך, וועגן וועלכע מדארף נישט דיסקוטירן, איז — אַז די פרוי איז אין אַלגעמיין ענלעך צום מאַן; אַ באַשטימטע זאַך איז, אַז מיר זענען נישט קיין „קאַוואַלערן" פון דער „גאָלדענער יוגנט", וועלכע זעען אין דער פרוי גאָר די נקבה... אמת, מיר קענען זיי אין לעבן נאָר אין זייער אַ באַשרענקטער מאָס־און אונזער מיינונג וועגן זיי מוז דעריבער זיין אַ ביסעלע נישט אינגאַנצן ריכטיק... און אמת, די שיינע מיידלעך זענען בכלל... און ס'איז אוממעגלעך, זיי זאָלן זיין אַנדערש... אבער ס'איז נאָך קיין ראיה נישט... איצטער איז עס טאַקי אַזוי, אָבער שולדיק אין דעם איז דער אַנטוויקלונג־גאַנג פון דער קולטור... די דענקפעאיקייט פון דער פרוי, — מוז מען מודה זיין, — איז ביי היינטיקן טאָג שוואַכער פונם מאַנס, און אינ־דעראמתן ווילן זיי גאָרנישט קיין וויסן; אָבער, דאַקעגן, האָבן זיי אַנדערע גוטע מידות, וועלכע די מענער פאַרמאָגן נישט... בכלל קען מען נישט פאַראַלגעמיינערן... ס'זענען פאַראַן לייטישע פרויען... די ערשטע סימנים פון דער „צוקונפ־טיקער פרוי" באַווייזן זיך ערשט... די צווישן־געשלעכטלעכע באַציאונגען קענען און דאַרפן זיין אַנדערע. ס'איז דאָך אַ אומ־זין געפינען פאַר נויטיק אויפצווייזן, אַז די פרוי איז נישט בלויז קיין נקבה, פונקט ווי דער מאַן איז נישט בלויז קיין זכר. די טרעפסט טאַקי, אַז מיר זענען נוטה צו מיינען, אַז אויך די מענער...

גאָר, וואָס פאַר אַ מיינונגען איך זאָל נישט האָבן גע־האַט וועגן דער פרוי — זי געפינט זיך לגמרי נישט אין מיין לעבנסבוך, זי פעלט מיר, איך בין אַליין, ווי אַ בוים אין סטעפּ... מיין באַקאַנטשאַפט מיט מיידלעך איז, געצוואונגענער־הייט, קיינמאָל גישט אַריבער די גרעניץ. מיינע ליידן האָבן

בײ מיר געשאפן עפּעס אַ מין גרויסהאַלטעריי, ווי איך וואָלט
מיך מיט אַ כּיוון פון זיי דערווייטערט, ווייל איך וויל מיך
נישט דערנידעריקן און זין אַראָפּלאָזן צו זיי. דידאָזיקע
כּלומרשטע „גאווה“ פלעגט אין מיר דערוועקן אַמאָל שפּאָט
און חוזק צו מיר אַליין, אָבער נאָך שווערער איז מיר גע·
ווען די משוגעדיקע פּיינטשאַפט, וועלכע האָט זיך בײ מיר
באַשאפן און איך האָב זי בשום אופן נישט געקענט אָפּטויטן
און אַרויסרייסן פון מיין האַרץ. דידאָזיקע פּיינטשאַפט איז
געווען באַזונדערס צום שיינעם מיידל, וואס גיט אפילו קיין
קוק נישט אויף מיר, אָדער וואס קוקט אויף מיר מיט שפּאָט
און ס׳אַרט איר נישט מיין ציינקריצעניש. אָבער נישט קיין
בעסער געפיל האָב איך געהאט צום „נייעם מיידל“, אַ מין
„האַלבער זכר“, און קען זיין, אז די מיידלעך פון דעמ·
דאָזיקן מין האָב איך נאָכמער נישט ליב געהאַט – אפשר ווייל
מיט זיי פלעג איך זיך מער באַקענען, און אפשר ווייל בײ
זיי פארלירט זיך יענער ווייבלעכקייט־חן, וועלכער סאינטערע·
סירט מיך, לכל הפּחות, בײ די טיפּישע מיידלעך. ווי סזאָל
נישט זיין – פלעג איך זיך זייער פּייניקן. מינוטנווייז פלעג
איך מיך דערמאָנען אַ פּנים פון עפּעס אַ מיידל, אַ שפּאַציר·
סצענע אין אַ זומער־נאַכט – און איך פלעג זיפצן, מקנא זיין,
און בענקען... פאַרוואָס זיי? פאַרוואָס ווייסן זיי ווי צו באַ·
גיין זיך מיט אַ מיידל?.. מיין שטאָלצקייט, וועלכע בונטעוועט
זיך דאַן און רעדט מיך אָן זיך איינצוועקשנען און צו באַ·
שליסן אז איך בין דאס אלץ מבטל, אז איך בין העכער פון
דעם אַלעמען, – שיט נאָר זאַלץ אויף מיינע וואונדן. איך בין
גרייט צו שרייען, צו ברומען ווי אַ חיה, וועלכער סהאט
אַ קויל געטראָפן. ווי אַ פלאם ברענט אין מיר דער באגער
זיך צו פאַרליבן, אפילו ווען איך זאָל בלויז ליידן פון
דעמדאָזיקן פארליבן זיך. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט
דאָס דאָזיקע געפיל, וואס קערט איבער וועלטן!.. וויפל איך

האָב פאַרשטאַנען, ווי קאָמיש עס איז, וויפל איך האָב נישט
געוואָלט קיין ליידן, וויפל איך האָב געטראַכט וועגן דער
סכנה, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן בלינדן ווילן, האב איך
מיך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פונם באַגער ליבצוהאָבן.
בראַנדשייטערס און גיהנום-יסורים זענען אין מיר געווען.
און ביי אַזאַ געמיט-צושטאַנד האָב איך געקאנט עטלעכע
מיידלעך: די נערמאַן, די לערנער און יענע... ראַכיל מאָי·
סציעוונא... אָבער גענוג. דאָ פאָדערט זיך קונסט, — אַ זאַך,
וועגן וועלכע די לעצטע בלעטלעך זאָגן עדות, אז זי פעלט
ביי מיר. איך האָב אָנגעפילט אַ בויגן מיט ווערטער און ווער·
טער -- און איך האָב גאָרנישט געזאָגט. אָט דאָס אַליין איז דאָך
אַ אומזין, אָט דאָס באַמיען זיך מיינס אַלץ אַרויסצוזאָגן. וואס
איך וועל מער אָנוואַרפן פאַרבן אויף פאַרבן—וועט דאָך תמיד
איבערבלייבן ביי מיר אינעווייניק יענע עיקרדיקע זאַך, די
פאַרבאָרגענע, וואס באַהאַלט זיך אין פאַרשווינדט...
יאָ, גענוג. מדארף זיך אומקערן צו דער זאַך. קיין
אינטערעסאַנטער ראָמאַן וועט דאָך סיי-ווי-סיי נישט אַרויס·
קומען, זענען דעריבער אפשר בעסער פונקען פון מיינע נישט·
אינטערעסאַנטע זכרונות

---